אונזער קאמף פיהרען מיר פאר די רעכט און זיכערהייט פון די דייטשע יודען

הײנט 8 זייטען | פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה זייטע 7. | פרייז 15 גראשען

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

# נייער פאלקסבלאט

№ 87 | לאדז, דאנערשטאג, י"ז ניסן תרצ"ג | עלפטער יאהרגאנג | Łódź, Czwartek, 13 kwietnia 1933 r. | № 87

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# „אונזער קאמף מיט'ן היטלעריזם דויערט און וועט פארטגעזעצט ווערען ביז א פולשטענדיגען נצחון!"

ווארשא, 12. (טעלעפאניש). די יודישע קהלה האט ארויסגעגעבען א צווייטען אויפרוף צו די פוילישע יודען.

אין אנהויב פונ'ם אויפרוף ענטפערט די קהלה אויף די ביידע היטלעריסטישע געוואלדטאטען.

די קהלה דערמאהנט אז אלס ענטפער אויף די היטלעריסטישע געוואלדטאטען האט מען אויפגעהאבען רעכט און פאר'ן שוץ פון דעם מענשליכען כבוד — פון רעכט און פאר'ן שוץ דעם מענשליכען כבוד — פון די 600 טויזענד דייטשע יודען.

אין רעזולטאט פון דעם פראטעסט פון דער גאנצער וועלט האט דער היטלעריזם דערקלערט, אז ער וועט צוריקציהען די באיקאט-אקציע געגען די יודען, די דערקלערונג איז געווען אייגע פון די פיל געגנאריישע אקטען, מיט וועלכע דער היטלעריזם בעמיהט זיך צו פערנעבלען דעם געווויסען פון דער וועלט. אין דער אמת'ן אבער איז ער גאר איבער פון דער טומעלדיגער אקציע צו א שטילער, סיסטעמאטישער און גרינדליך-אויסגעטראכטער פון דעם יודענטום אין דייטשלאנד.

דערביי דערקלערען די דעפוטאטען וואס זענען אונטערגעשריבען אויף דעם אויפרוף פאלגענדעס:

— פוילישע יודען, אונזער קאמף מיט'ן היטלעריזם ווערט פארטגעזעצט און וועט ווייטער דויערן ביז דעם פולשטענדיגען זיג. קודם לאמיר זיך אפהיטען אז אונזער בלוטיג פערמעגען זאל נישט פערשטארקען די כוחות פונ'ם שונא!

דעם אויפרוף האבען אונטערגעשריבען די דעפוטאטען: ד"ר שהאן, אדוו. י. גרינבוים, ד"ר ראזמארין, ד"ר ראזענבלאט, ד"ר ראטענשטרייך און ד"ר זאמערשטיין.

## פוילישע רעגירונג וועט מאהנען דעם היזק, וואס די פוילישע יודען ליידען אין דייטשלאנד

בערלין, 12. (ספ. טעל.) דער פוילישער גערנעראל-קאנסול אין בערלין, ד"ר אלפרעד וויסאצקי, האט אפגעזאגט אין נאמען פון דער פוילישער רעגירונג דאס פארשטעלען געגויע תביעות מיט דער פאדערונג צו אויסצוצאהלען ענטשעדיגונג די פוילישע יודען, וועלכע האבען געהאט היזקות בעת די עקססעסען מצד די היטלעריסטישע באיובקעס.

די היזקות וואס גרייכען שוין איצט אין די מיליאנען מארקס וועלען פעסטגעשטעלט ווערען ערשט נאך א גענויער רעגיסטראציע.

דערווייל קען נאך נישט גערעדט ווערען וועגען שנעל אפשליסען די ליסטע פון פערלוסטען, ווייל די עקססעסען גופא הערען נאך נישט אויף, און צו דער פוילישער מאכט פליסען איין אלץ ווייטער ידיעות און אנקלאגעס פון פוילישע בירגער אין דייטשלאנד, וועלכע האבען צוליב די דארטיגע פערהעלטענישען איצטער פערלוירען די ארבייטס-מעגליכקייטען און זייערע פערמעגענס.

אין בערלין א. א. דייטשע שטעט, וואו עס געפינט זיך א גרויסע צאהל הויז-בעזיצער פוילישע יודען, בעקומען די דאזיגע הויז-בעזיצער ... בעצאהלט קיין דירה-געלד, און זייענדיג טעראריזירט, בעהמען זיי נישט אונטער קיין געריכטס-שריט.

זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

הייבט, דאנערשטאג, דעם 13-טען אפריל, חוהמ"פ, פינקטליך 9 אווענד וועט פארקומען

אייך איינציגער רעליגיעזער קאנצערט

פון וועלט-בעריהמטען אויבערקאנטאר פון ווארשאווער סינאגאגע

משה קוסעוויצקי

וועלכער וועט אויספיהרען: תפילות, פאלמס-לידער און אפערן-אריעס פון זיין נייעם און אלטען רעפערטואר.

פאר'ן קאנצערט וועט חזן קוסעוויצקי אויספיהרען א קאפיטעל תהלים אלס צייכען פון פראטעסט געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאן-דאווידאוויטש. בילעטען צום פרייז פון 1.09 זל. צו בעקומען: ראשנאלד, פיעטריק. 38 (קאנדיטאריי) און ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

צוליב דעם, וואס אלע פערוויילונגס-ערטער וועלען אין טאג פון קאנצערט זיין געשלאסען, ווערט געבעטען אום אויסצומיידען א געדראנג ביי דער קאסע זיך צו פערזארגען בעצייטענס מיט בילעטען.

Hurtowy Skład Materjałów Elektrotechnicznych J. HUPERT (dawn. Zawadzka 10)

איז געווארען איבערטראגען אין נייעם לאקאל אויף זאוואדזקא 4 טעל. 142-41

די ערעפנונג קומט פאר פרייטאג, דעם 14-טען ד. ח.

1982

בעזה"י.

לערן- און ערציהונגס-אנשטאלט „חורב" — לאדז, צעגעלניאנא 16

אין הסכם מיט דער פעראדנונג פון דער שול-מאכט, קומען שוין פאר די איינשרייבונגען צום נייעם שול-יאהר אי"ה.

אויך די עלטערן פון די ביזיעצטיגע תלמידים מוזען אונבעדינג תיכף בענייעז די איינשרייבונגען. אין נעגענפאל וועלען מיר נישט זיין פעראנטווארטליך פאר זייערע פלעצער.

די הנהלה.

1936

אויף יום-טוב

בעזארגט אייך מיט גוטע און בילינע

שיך

דאמען-, הערען- און קינדער-

פון דער בעסטער קוואליטעט פון דער פירמע

A. Ogórek, Zawadzka 11

Dr. Wajnberg

ספעציאליסט פון לונגען- הארץ- און סקלעראז-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 וו.

פאר גאלד, ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

אײזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

Ponieważ niektórzy PP. Odbiorcy posiadający ograniczniki zwracają się przed nadejściem terminu płatności swych rachunków do Dyrekcji Elektrowni z prośbą o odroczenie dnia płatności, co sprzeczne jest z zawartą umową, przeto zawiadamia się PP. Odbiorców, że listy skierowane do Dyrekcji w tej sprawie pozostawione będą BEZ SKUTKU I BEZ ODPOWIEDZI.

Uprzedza się zatem wyżej wymienionych PP. Odbiorców, że terminy oznaczone na rachunkach są BEZWZGLĘDNIE OBOWIĄZUJĄCE, gdyż w zależności od nich ustalona została zniżkowa taryfa za energję Elektryczną. Nieuregulowane w terminie rachunki spowodują wyłączenie prądu, zgodnie z § 58a uprawnienia rządowego Nr. 12.

DYREKCJA

Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc.

(Elektrownia Łódzka)

1925

אנאנסען אין „נייעם פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג

